# בהעלותך ב

**א. אין פסוק[1] „ויהי בנסוע הארון ויאמר משה קומה ה' ויפוצו אויביך וינוסו משנאיך מפניך", איז רש"י מפרש: „ויפוצו אויביך, המכונסין. וינוסו משנ־איך, אלו הרודפים".**

**בפשטות לערנט מען[2], אז רש"י בא־ווארנט דעם כפל הלשון אין פסוק[3] — „ויפוצו אויביך וינוסו משנאיך" — און איז מפרש אז דא רעדט זיך וועגן צוויי סוגים: „ויפוצו אויביך" רעדט וועגן די אויבים „המכונסין", וואס דערפאר וועט זיין (דער היפך פון „מכונסין" —) „ויפוצו אויביך"[4]; און „וינוסו משנאיך" מיינט די „רודפים", אז תמורת זה וואס זיי זיינען רודף אידן, וועלן זיי אנט־לויפן — וינוסו משנאיך.**

**עס איז אבער דא א דיוק בולט אין פירוש רש"י: ביי „ויפוצו אויביך" זאגט ער „המכונסין", און ביי „וינוסו משנאיך" לייגט ער צו „אלו[5] הרודפים"?**

**דער דיוק אין דעם איז נאך שטאר־קער: דער מקור פון דעם פירוש רש"י איז אין ספרי[6], און דארט איז דער לשון „אלו המכונסין . . אלו הרודפים", און רש"י איז משנה פון לשון הספרי — ביי אויביך לאזט ער אויס דעםווארט „אלו", און ביי משנאיך איז ער יע מעתיק דעם ווארט!**

**ב. ווייטער איז רש"י נאכאמאל מע־תיק דעם ווארט „משנאיך" און איז מפרש[7]: „אלו שונאי ישראל שכל השונא את ישראל שונא את מי שאמר והי' העולם שנאמר[8] ומשנאיך נשאו ראש ומי הם על עמך יערימו סוד".**

**אין פשטות איז דא רש"י אויסן צו באווארענען: דער פסוק רעדט דאך דא וועגן די וואס קומען מלחמה האלטן מיט אידן, היינט פארוואס רופט זיי אן דער פסוק „משנאיך" (פון אוי־בערשטן)[9]? דעריבער איז רש"י מפרש, „שכל השונא את ישראל שונא את מי שאמר והי' העולם".**

**עס איז אבער תמוה: אט די שאלה שטעלט זיך פריער ביי „ויפוצו אויביך" — היינט פארוואס זאגט רש"י דעם פירוש ערשט אויף „וינוסו משנאיך"?**

1) פרשתנו י, לה.

2) באר מים חיים (לאחי המהר"ל) כאן.

3) ואף שבפשש"מ אפ"ל דדרך הכתובים במשל ושיר לכפול הענין במלים שונות (ראה נבואת בלעם. וראה לקו"ש חי"ג ע' 85 ואילך), וכפי' הראב"ע כאן — מ"מ מובן, דיומתק יותר באם יש לפרש דקאי על ענינים נפרדים*. ועוד ועיקר — ינוסו שונה מיפוצו (ע"ד נח יא, ד) ולא כפל.

וראה שפ"ח כאן עוד הכרח לפרש"י זה (בכמה הוצאות נשמט קטע זה בשפ"ח).

4) להעיר מדור הפלגה דהיו „עם אחד ושפה אחת" ולכן „ויפץ ה' גו'" (נח יא, א ואילך). אבל ראה לקמן סעיף ג.

5) בדפוס שני וכמה כת"י רש"י** גם כאן „הרודפים" (בלי תיבת „אלו") — אבל בדפוס ראשון ודפוסי רש"י שלפנינו הוא כבפנים.

6) עה"פ.

7) מספרי עה"פ (בשינוי לשון — ראה לקמן סעיף ד־ה ובהערות שם).

8) תהלים פג, ג־ד.

9) בספרי כאן: „וכי יש שונאים לפני מי שאמר והי' העולם . . וכי יש קמים לפני כו'" — אבל ע"ד הפשט מצינו קמים נגד ה' (גם כשאינם קמים נגד ישראל) — נח שם (וברש"י שם: ונעשה עמו מלחמה. וראה רש"י שם י, ח־ט. יא. ועוד), וכן „שונא אביו שבשמים" (רש"י לך יד, ב). אבל ראה לקמן בפנים סוס"ה ואילך.

*) וראה שיחת ש"פ יתרו תשד"מ.

**) בב' כת"י שתח"י ד"ה ינוסו משנאיך ליתא (וב' מהם נתוסף אח"כ על הגליון).

עס זיינען פאראן מפרשים[10] וואס ענטפערן, אז וויבאלד אין דעם פסוק וואס רש״י ברענגט אלס ראי׳ ווערט געזאגט „משנאיך״, דעריבער ברענגט עס אויך רש״י אויף „(וינוסו) משנאיך״, און ניט אויף „אויביך״ („שלא נזכר שם אויבים״).

אבער דער תירוץ איז צע״ג, ווארום אין דעם זעלבן פסוק, פאר די ווערטער „משנאיך נשאו ראש״, שטייט: „כי הנה אויביך יהמיון״[11] — שטייט דאך בפירוש אז די וואס „על עמך יערימו סוד״ ווערן אנגערופן („משנאיך״ און) אויך „אויביך״?

נאך מער: ענלעך צו דעם ענין וואס רש״י זאגט דא — אז „שונאי ישראל״ ווערן אנגערופן „משנאיך״ (פון דעם אויבערשטן) — האט שוין רש״י מפרש געווען פריער, אויפן פסוק „תהרוס קמיך״ (אין שירת הים בפ׳ בשלח[12]): „ומי הם הקמים כנגדו אלו הקמים על ישראל״, און דארטן ברענגט ער טאקע די ראי׳ — „וכן הוא אומר״ — (ניט פון לשון „משנאיך נשאו ראש״, נאר) פון „כי הנה אויביך יהמיון ומה היא ההמי׳ על עמך יערימו סוד ועל זה קורא אותם אויביו של מקום״.

און אין אונזער פסוק שטעלט זיך רש״י (ניט אויף „אויביך״, נאר) ערשט אויף „משנאיך״?

ג. אנדערע מפרשים[13] פארענטפערן עס, אז „אויביך״ — דיינע פיינט, וואלט מען געקענט טייטשן, אז דאס מיינט (ניט די וואס האבן פיינט דעם אויבערשטן, נאר פארקערט) די וואס דער אויבערשטער האט זיי פיינט: משא״כ „משנאיך״ (ניט „שונאיך״) קען ניט אנדערש געטייטשט ווערן נאר: די וואס האבן דיך פיינט — און דעריבער דארף רש״י באווארענען „אלו שונאי ישראל שכל השונא כו׳״.

אבער אויך דער תירוץ איז ניט פארשטאנדיק, ווייל

[נוסף על העיקר, אז וויבאלד רש״י האט שוין פריער מפרש געווען (כנ״ל) אז די וואס „על עמך יערימו סוד״ ווערן אנגערופן „אויביך״, „אויביו של מקום״ (ווייל די וואס זיינען „קמים על ישראל״ זיינען זיי „קמים כנגדו״ — פונקט ווי ביי „משנאיך״) — איז דאך שוין ניטא קיין ארט צו זאגן דא אנדערש און דוחק זיין אז „אויביך״ דא מיינט די וואס דער אויבערשטער האט זיי פיינט — איז]

פון כללות תוכן המשך הכתובים (לויט פירוש רש״י) איז מוכח, אז מיט „אויביך״, פונקט ווי מיט „משנאיך״, מיינט דער פסוק די וואס האבן פיינט אידן[14], וואס זייער איבה ושנאה דריקט זיך אויס אין זייער מלחמה האבן קעגן אידן: ווי עס שטייט גלייך פאר דעם[14*] „וארון ברית ה׳ נוסע לפניהם״ ווי רש״י איז מפרש „זה הארון היוצא עמהם למלחמה״, און בהמשך לזה זאגט דער פסוק „ויהי בנסוע הארון גו׳ ויפוצו אויביך (המכונסין) וינוסו משנאיך (אלו הרודפים)״ — ובמילא האט לכתחילה קיין ארט ניט צו זאגן אז דער טייטשט פון

10) שפ״ח כאן (בשם קיצור מזרחי).

11) ובספרי כאן הובאו גם תיבות אלו.

12) טו, ז (וכמצויין בנחלת יעקב כאן). והוא ממכילתא עה״פ שם (בשינוי לשון — ראה לקמן סעיף ה והערה 21).

13) משכיל לדוד ובאר יצחק כאן.

14) להעיר מתיב״ע ות״י כאן „בעלי דבביהון דעמך״.

14*) י, לג.

„(ויפוצו) אויביך" דאָ איז די וועמען דער אויבערשטער האָט פיינט.

מוז מען זאָגן, אַז דאָס וואָס רש״י איז גאָרניט מפרש אויף „אויביך", איז ווייל ער פאַרלאָזט זיך אויף זיין פריערדיקן פירוש אויף „תהרוס קמיך" וואו ער האָט קלאָר אָפּגעטייטשט אַז די וואָס „על עמך יערימו סוד . . קורא אותם אויביו של מקום":

אָבער אויב אַזוי איז קשה לאידך גיסא: פאַרוואָס ווען ער קומט צום וואָרט „משנאיך" פאַרלאָזט זיך ניט רש״י אויף זיין פריערדיקן פירוש, נאָר ער חזר'ט עס איבער נאָכאַמאָל?

ד. אויך זיינען דאָ כמה דיוקים אין לשון רש״י — ובפרט די שינויים צווישן לשון רש״י דאָ און לשונו בפירושו הנ״ל אויף „תהרוס קמיך" — ומהם:

א) וואָס איז די הדגשה פון רש״י דאָ „(שכל השונא את ישראל) שונא את מי שאמר והי׳ העולם", און ניט בקיצור „שונא את הקב״ה" אָדער „שונא את המקום"[15]?

ב) בפירושו אויף „תהרוס קמיך" איז רש״י מאריך „ומי הם הקמים כנגדו", און דאָ זאָגט ער גלייך: „משנאיך, אלו שונאי ישראל"[16].

ג) ווען רש״י ברענגט דאָרט די ראי׳ פון פסוק „כי הנה אויביך יהמיון" נוצט ער דעם לשון „וכן הוא אומר", און דאָ זאָגט ער „שנאמר"[17].

ד) ביים אָפּטייטשן די ראי׳ — איז דאָ זאָגט רש״י „משנאיך נשאו ראש ומי הם על עמך יערימו סוד" (אַז די שאלה איז וועגן זיינען משנאיך)[18]; דאַקעגן דאָרטן זאָגט רש״י (א) „כי הנה אויביך יהמיון ומה היא ההמי׳ על עמך יערימו סוד" (די שאלה איז — אין וואָס באַשטייט די עשי׳ (המי׳) פון „אויביך"), און (ב) דערנאָך איז רש״י מסיים „ועל זה (צוליב דער המי׳ פון „ועל עמך וגו׳") קורא אותם אויביו של מקום".

ה. דער ביאור בכל זה וועט ווערן פאַרשטאַנדיק בהקדם וואָס אין לשון רש״י בפרשתנו איז דאָ אַ שינוי עיקרי לגבי דעם לשון אין ספרי (מקור פרש״י): אין ספרי שטייט „שכל מי ששונא את ישראל כאילו שונא את מי שאמר והי׳ העולם"[19], און רש״י זאָגט „שכל השונא את ישראל שונא את מי שאמר והי׳ העולם" (אָן דעם „כאילו"[20]).

דאָס הייסט: רש״י לערנט אַז דאָס וואָס דער פסוק זאָגט „משנאיך" איז ניט בלויז ענליך אין דער האַרבקייט פון דעם חטא ועונש (אַז פיינט האָבן אידן איז ענליך צו פיינט האָבן דעם אויבערשטן), נאָר „משנאיך" מיינט כפשוטו — זיי האָבן פיינט דעם אויבערשטן,

---

15) בדפוס שני וכמה כת״י רש״י „להקב״ה"* (ובא׳ הכת״י — „מקום"), אבל בדפוס ראשון ודפוסי רש״י שלפנינו הוא כבפנים.

ואף שכ״ה לשון הספרי (ראה הערה 19), הרי כמדובר כמ״פ, כל המובא בפרש״י עה״ת הוא פשוטו של מקרא. ובפרט שכאן לא ציין רש״י שהוא מספרי.

16) ובפרט שבספרי כאן ליתא תיבות אלו.

*) באחדים מכת״י רש״י שתחי׳ התיבות „שכל השונא . . מי שאמר והי׳ העולם" — ליתא.

17) ובפרט שגם בספרי כאן הלשון „וכן הוא אומר" (על הפסוק שהביא לפנ״ז).

18) ומשנה מלשון הספרי כאן (ועד״ז הוא במכילתא שם) „מפני מה על עמך כו׳".

19) כ״ה בילק״ש כאן ועוד (ראה ספרי מהדורת האראוויץ). ובדפוסים שלפנינו: כמי ששונא את המקום.

20) בדפוס שני וכמה כת״י רש״י שתח״י „כאילו" (ובדפוס ראשון וא׳ מכת״י רש״י (שתח״י) — „כשונא"; ובעוד כת״י — „מעלה עליהם הכתוב כאילו") — אבל בדפוסי רש״י שלפנינו הוא כבפנים.

ווייל ס'איז היינו הך. אדער — דער וואס ער איז „שונא את ישראל" איז עס דערפאר וואס ער איז „שונא את מי שאמר והי' העולם".

און עד"ז בפירושו אויף „תהרוס קמיך" איז רש"י מדייק „ומי הם הקמים כנגדו אלו הקמים על ישראל" (ניט ווי לשון המכילתא[21] „שכל מי שקם כנגד ישראל כאילו קם כנגד הקב"ה"[22]) — ווייל לויט רש"י איז דאס היינו הך: אומות העולם ווייסן אז אידן זיינען „לי סגולה מכל העמים"[23] און „בני בכורי ישראל"[24], און דעריבער, איז דאס ביי זיי איין זאך: דערמיט וואס זיי זיינען „קמים כנגדו" זיינען זיי בדרך ממילא „קמים על ישראל"[25] וועלכע זיינען דעם אויבערשטנ'ס עם סגולה[26].

אבער אין דעם (אופן און תוקף פון פיינטשאפט) גופא איז דא א חילוק צווישן „אויביך" (קמיך) און „משנאיך" — און מהאי טעמא קען זיך רש"י ביי „(וינוסו) משנאיך" ניט פארלאזן אויף זיין פירוש ביי „תהרוס קמיך": פון דעם וואס מען געפינט אז אוה"ע זיינען „קמיך" און „אויביך" דערפאר וואס זיי זיינען „קמים על ישראל" (און „על עמך יערימו סוד"), איז נאך ניט קיין ראי' אז מ'קען זאגן דאס זעלבע ביי „משנאיך" (אז זייער שנאה צו אידן איז א באווייז אויף זייער שנאה צום אויבערשטן) — ווארום „שונא" דריקט אויס א סך א שטארקערע, טיפערע פיינטשאפט ווי „אויב" (און „קמיך"), וואס פאסט ניט לכאורה כלפי מעלה, כדלקמן.

ו. דער חילוק צווישן אויב און שונא — בעת מען איז מדייק לחלק צווישן די[27] — איז[28]:

אויב — מיינט אזא וואס ביי אים איז די שנאה (בעיקר) אין אן אויסערלעכן, גלוי'דיקן אופן, א שנאה וואס איז פארבונדן מיט עשי' בפועל (ער פירט זיך מיטן צווייטן מיט פיינטשאפט); דאקעגן „שונא" איז (בעיקר) שנאה אלס מדה בלב[29], וואס דאס איז א טיפע שנאה: די

---

21) ולשון רש"י הוא לכאורה ע"פ ראשית לשון המכילתא שם „ומי הם שקמו נגדך הם שקמו נגד בניך". אבל לא משמע כן, כי הראי' מהפסוק „כי הנה אויביך גו'" הובאה על הענין „שכל מי שקם כו' כאילו קם כו'".

22) ורק לשון זה (כאלו קם כו') הובא בספרי כאן.

23) יתרו יט, ה.

24) שמות ד, כב („ואמרת אל פרעה גו' בני גו'").

25) וצע"ק בפרש"י מטות (לא, ג) „שהעומד כנגד ישראל כאילו עומד כנגד הקב"ה". ואולי — „עומד" מורה יותר על מלחמה בפועל (במעשה) שזה אין שייך (כ"כ) כלפי מעלה.

והא דלא הביא רש"י שם ראי' לפירושו (כבפירושו כאן ובפ' בשלח) — י"ל בפשטות, כי שם מפורש הוא בהכתובים עצמם „נקמת בני ישראל . . נקמת הוי'": משא"כ בנדו"ד שבכתוב נאמר רק „משנאיך" (ועד"ז בבשלח נאמר רק „קמיך").

26) וכלשון המכילתא הנ"ל „שקמו נגד בניך".

*) ודוחק לומר כי סומך על פירושו בפרשתנו כאן, כי בפרשתנו מדובר ברגש שבלב (משנאיך), משא"כ שם במלחמה בפועל, כבפנים בהערה.

27) כי בכמה מקומות — ב' הלשונות משמשים לאותו הענין.

28) ראה ערכי הכינויים (לבעל סה"ד) ע' שונא ד„שונא בלב . . אויב מגלה השנאה". וראה מלבי"ם כאן. ועייג"כ אוה"ת כאן. ולהעיר מסה"מ תשי"א (ע' 181) ועוד — בחילוק ד„אויב" ו„מתנקם".

ובבחיי (נצבים ל, ז) כתב דאויב גדול משונא דאויב הוא שבלבו איבה עולמית.

ואולי יש לתווך עם הנ"ל דשנאה היא עמוקה יותר מאיבה — ע"פ המבואר בס' החקירה בסופו (צב, א. וכ"ה באוה"ת בחוקותי ע' ריא. ועוד) דמ"ש בבחיי דאויב גדול משונא הוא לפי שאיבה (מלשון אבה) שייכת לרצון ושנאה היא המדה בלב (היפך האהבה). ואכ"מ.

29) כמש"נ (קדושים יט, יז) „לא תשנא את אחיך בלבבך".

שנאה צום צווייטן איז ביי אים איינגע־קארבט אין הארצן. ובמילא איז ניט נאָר וואָס ער באַהאַנדלט אים שלעכט ווען ער האָט די מעגלעכקייט דערצו, נאָר ער ליגט אין דעם און זוכט נאָכאַנאַנד עצות ווי צו אָנטאָן רשעות דעם צווייטן (ע״ד ווי עס שטייט אין פסוק[30] „והוא לא שונא לו מתמול שלשום" — דער וואָס האַלט אַ שנאה „מתמול שלשום" און זוכט נאָכאַנאַנד דעם צווייטנ׳ס רעה, ווערט אָנגערופן „שונא לו").

וואָס דאָס איז אויך דער טעם פאַר־וואָס אין דער תוכחה פון פ׳ בחוקותי[31], נוצט די תורה די צוויי לשונות „ונגפתם לפני אויביכם ורדו בכם שונאיכם", וואָס (ווי רש״י ברענגט דאָרט אַראָפּ[32]) „ונגפתם לפני אויביכם" מיינט „בעלי דבביכון מקיפין אתכם מבחוץ", און „ורדו בכם שונאיכם" מיינט די וואָס „מחפשים אחר המטמוניות שלכם".

אַן „אויב" ווערלכער איז ניט אַ שונא ביי אים איז בלויז אַ שנאה גלוי, איז מעגליך אַז זיין שנאה איז אויף זיך צו פאַרהיטן, אַז דער צווייטער זאָל אים ניט קענען שעדיגן, און דעריבער באַגנוגנט ער זיך מיט „מקיפין אתכם מבחוץ";

משא״כ אַ „שונא", וואָס ביי אים איז אַ שנאה כבושה בלב, איז ער אויסן יענעם צו רודף זיין און פאַרטיליקן, און דער־פאַר זיינען די שונאים (ניט נאָר „מקיפין אתכם מבחוץ", נאָר) „מחפשים אחר המטמוניות שלכם".

ז. עפ״ז וועט מען אויך פאַרשטיין דעם שינוי הלשון אין פרש״י אין אונ־זער פסוק: „ויפוצו אויביך, המכונסין. וינוסו משנאיך, אלו הרודפים":

דאָס וואָס „ויפוצו אויביך" מיינט „המכונסין" איז ניט פאַרבונדן מיט דעם תואר „אויביך" — ווארום עס זיינען דאָ כמה אופנים ווי אויבים קענען פירן זייער מלחמה: אַמאָל איז פאַר זיי בעסער אַז זיי זיינען מכונסין, און אַמאָל לוינט זיך מצד טכסיסי מלחמה אַז זיי זאָלן זיך צעטיילן אויף באַזונדערע מחנות;

ובמילא קען רש״י ניט זאָגן „ויפוצו אויביך אלו המכונסין" (אַז „אויביך" ווייזט אויף די וואָס זיינען „מכונסין"), נאָר „ויפוצו אויביך המכונסין": פון דעם וואָס דער פסוק זאָגט „ויפוצו", ווייס מען אַז דאָ רעדט זיך וועגן אַזעלכע אויבים וואָס זיינען „מכונסין"[33];

משא״כ ביי „וינוסו משנאיך" זאָגט רש״י „אלו הרודפים", ווייל רודפים איז (ניט נאָר דער היפך פון „וינוסו", נאָר דאָס איז) דער אינהאַלט טייטש פון „משנאיך"[34] („משנאיך אלו הרוד־פים"[34*]) — אַזעלכע וואָס האָבן אַ שנאה בלב און דערפאַר זיינען זיי רודף אידן, זיי יאָגן זיך כסדר צו טאָן שלעכטס די אידן.

(30) שופטים יט, ד. ועד״ז שם, ו. וראה שם, יא: שונא לרעהו וארב לו (וברש״י שם).

(31) כו, יז.

(32) „אגדה בתו״כ" — אבל מכיון שהובא בפרש״י עה״ת היא „אגדה המיישבת דברי המקרא דבר דבור על אופניו" (רש״י בראשית ג, ח. ועוד).

(33) דלא כמ״ש בערה״כ שם (ע״פ פרש״י דילן) ד„אויבים נקר׳ המכונסים".

(34) ראה עד״ז בתולדות אדם לספרי כאן. ובפרט שכאן נאמר „משנאיך" (ולא „שונאיך") — שמורה על עשיית השנאה בחוזק, כמ״ש בספרי דבי רב לספרי כאן.

(34*) ע״פ המבואר בפנים תומתק הגירסא בא׳ מכת״י רש״י (שתח״י) שהד״ה בפרש״י זה הוא רק „משנאיך" (ולא — „וינוסו משנאיך").

ח. בהמשך צום פירוש „(וינוסו) משנאיך, אלו הרודפים" — אַז „משנאיך" זיינען די וואָס האָבן אַ שנאה כבושה בלב צו אידן ובמילא זיינען זיי רודף נאָך זיי — ווערט ביי רש"י קשה: ווי קען מען זאָגן „משנאיך" — כלפי מעלה, אַז אַ בשר ודם זאָל האָבן אַ שנאה כבושה צום אויבערשטן, און נאָכמער — אין אַן אופן פון „רודפים"?[35]

בשלמא „אויביך", וואָס איז בלויז אַ שנאה גלוי' וועלכע איז פאַרבונדן מיט הנהגה בפועל (ועאכו"כ „קמיך" וואָס מיינט די עשי' בפועל) נגד ה', איז פאַר־שטאַנדיק: אַזוי ווי אים ווילט זיך טאָן אַ זאַך וואָס איז היפך רצון ה', און ער קען זיך (אָדער — וויל זיך) ניט איינהאַלטן, איז ער מורד בה' און טוט היפך רצונו (ביז עס קען דערפון ווערן אַן איבה, אַז ער טוט מיט אַ כוונה צו להכעיס נגד רצון ה').

אָבער ווי קען געמאָלט זיין אַז זיי זאָלן זיין „משנאיך", אַזעלכע וואָס האָבן כלפי דעם אויבערשטן אַ שנאה בלב וואָס דריקט זיך אויס אין אַ שטענדי־גער תנועה פון רדיפה כו'?

דערפאַר נוצט דאָ רש"י בפירושו דעם לשון „מי שאמר והי' העולם" — צו מדגיש זיין אויף וויפל ס'איז ניט מתאים אַז עמיצער זאָל האָבן אַ שנאה כלפי דעם אויבערשטן — וואָרום ער איז דאָך „מי שאמר והי' העולם", ובמילא: (א) ווי קען איינער האָבן אַ שנאה כבושה בלב קעגן דעם וואָס (אויך ער גלויבט[36] אַז ער) האָט אים באַשאַפן און גיט אים זיין חיות? (ב) נאָך מער: וויבאַלד דאָ רעדט זיך וועגן „מי שאמר והי' העולם" — ווי איז בכלל שייך אַז אַ בשר ודם זאָל קענען „רודף" זיין דעם אויבערשטן?

אויף דעם ענטפערט רש"י: „משנאיך — אלו שונאי ישראל": מיט „משנאיך" (בכל מקום[37]) ווערט געמיינט שונאי ישראל: ד. ה. אַ שנאה כבושה בלב צו „מי שאמר והי' העולם" איז טאַקע ניט שייך, אָבער די וואָס זיינען „שונא את ישראל", די וואָס האָבן אַ שנאה כבושה צו אידן (ווי רש"י האָט שוין געבראַכט בפירושו[38] „הלכה היא בידוע שעשו שונא ליעקב"), זיינען זיי בדרך ממילא „שונא את מי שאמר והי' העולם".

און אויף דעם (אַז „משנאיך אלו שונאי ישראל") מוז רש"י ברענגען אַ ראי' (פון פסוק): „שנאמר משנאיך נשאו ראש ומי הם על עמך יערימו סוד" — דערפון זעט מען, אַז ווער זיינען „משנאיך" (ומי הם) — די וואָס „על עמך יערימו סוד".

ט. עפ"ז ווערט אויך פאַרשטאַנדיק דער טעם פון די שינויי לשונות צווישן פרש"י דאָ און דעם פרש"י אויף „תהרוס קמיך":

אין פסוק „תהרוס קמיך" איז רש"י ניט אויסן צו זאָגן אַז „קמיך" בכלל איז פאַר־בונדן מיט „הקמים על ישראל" —

---

35) ראה עד"ז חת"ס עה"ת כאן. — השייכות דד"ה זה בפרש"י לד"ה שלפניו, מודגשת עוד יותר להגירסא בדפוס שני דרש"י, שבד"ה משנאיך חוזר עוה"פ „אלו הרודפין את ישראל והשונאן". אבל להעיר שבא' מכת"י רש"י (שתח"י) הגירסא: ד"א משנאיך אלו ששונאין כו'.

36) דאל"כ איך שייך לומר שהוא שונא להקב"ה.

37) היינו כשתיבת „שונא" (וכיו"ב) באה להדגיש השנאה הכבושה בלב (בניגוד לאויב), כבנדו"ד ששנאה גלוי' כבר אמורה בלשון „אויביך" שלפנ"ז. וכ"ה גם בהכתוב שמביא לראי' „משנאיך נשאו ראש" (שבא לאחרי „כי הנה אויביך יהמיון"). וראה יתרו כ, ה. ס"פ ואתחנן. האזינו לב, מא. ואכ"מ.

38) וישלח לג, ד. נת' בלקו"ש ח"כ ע' 144 ואילך.

ווארום, כנ"ל, עס קען זיין אַ מציאות פון „קמיך" (און אפילו „אויביך") אויף השם אויך ניט דורך וואָס זיי זיינען „קמים על ישראל", און דערפאַר קען רש"י ניט זאָגן סתם (כבפרשתנו): קמיך — אלו הקמים על ישראל:

נאָר רש"י וויל מבאר זיין דעם „קמיך" אין דעם פסוק (פון שירת הים, וואו אידן האָבן אָפגעגעבן דעם אויבערשטן אַ שבח והודי' פאַר דעם וואָס „מרכבות פרעה וחילו ירה בים גו'"[39]): ווער זיינען עס די וואָס דער פסוק דאָ באַצייכנט זיי אַלס „קמיך" — דאָס זיינען די וואָס זיינען „קמים על ישראל". און מהאי טעמא איז רש"י מאריך בלשונו: „הקמים נגדך (און ער טייטשט אויס) ומי הם הקמים כנגדו (וועמען מיינט דער פסוק) אלו הקמים על ישראל":

וואו געפינט מען אַז (אויך) צוליב „קמים על ישראל" איז מען אין סוג פון „קמים כנגדו" — ברענגט רש"י אַ דוגמא (וכן הוא אומר) פון נאָך אַ פסוק: „כי הנה אויביך יהמיון ומה היא ההמי' על עמך יערימו סוד ועל זה קורא אותם אויביו של מקום" — זעט מען, אַז דורך אַט די (המי' ו)עשי' פון „על עמך יערימו סוד", איז צוליב דעם „(ועל זה) קורא אותם אויביו של מקום".

משא"כ בפרשתנו איז רש"י אויסן צו מוכיח זיין אַז „משנאיך אלו שונאי ישראל", און דעריבער ברענגט ער אַ ראי' („שנאמר") פון „משנאיך נשאו ראש ומי הם על עמך יערימו סוד", כנ"ל.

יו"ד. מיינה של תורה שבפירוש רש"י:

ענלעך צום פסוק „קומה ה' ויפוצו אויביך וינוסו משנאיך מפניך", איז אויך דער פסוק אין תהלים[40]: „יקום אלקים יפוצו אויביו וינוסו משנאיו מפניו", נאָר מיטן שינוי: אין חומש שטייט „קומה הוי'", און אין תהלים „יקום אלקים".

קומט אויס, אַז בשייכות צו דעם ענין ווערט דער אויבערשטער דערמאָנט דורך דריי תוארים: אין חומש שטייט „הוי'", אין כתובים איז דער לשון „אלקים", און אין תורה שבעל פה — (ספרי ו)רש"י — „מי שאמר והי' העולם".

וי"ל הביאור בזה: דער טעם (פנימי) פאַרוואָס דער פסוק זאָגט דאָ „ויפוצו אויביך" און „משנאיך" (פון אויבערשטן), איז ווייל דאָ רעדט זיך וועגן אַ מצב, וואָס עס פעלט אין דער עבודה פון אידן [ווי רש"י איז מרמז בפירושו אויף „ויהי בנסוע הארון", אַז „נכתב כאן כדי להפסיק בין פורעניות לפורעניות": דער „קומה ה'" קומט מפסיק זיין (און מבטל זיין) די פורעניות, וואָס זיי קומען מצד דעם חסרון אין עבודת בנ"י] —

און דערפאַר קומט די ישועה (ניט אַזוי מצד מעלת העבודה פון אידן, נאָר) מצד דעם וואָס אַן אויב ושונא פון אידן איז — „אויביך" און „משנאיך". אין אַנדערע ווערטער: אויב אוה"ע וועלן זען אַז זיי קענען זיך טשעפען ר"ל מיט אידן — וואָס אידן זיינען דאָך דער „עם סגולה" — און דער אויבערשטער וועט ניט העלפן ר"ל, איז דאָס אַ חילול השם. אוה"ע אַרט ניט און זיי טראַכטן ניט צי אידן זיינען גאַנץ אין תומ"צ אָדער ניט ח"ו, זיי ווייסן נאָר אַז אידן זיינען בנים פון אויבערשטן —

39) בשלח טו, ז.

40) סח, ב. וראה ראב"ע שם. מדרש תהלים שם. ועוד. וראה אוה"ת פרשתנו עה"פ (ע' שעז).

**ולכן „לא לנו ה׳ . . כי לשמך תן כבוד גו׳״[41], עס זאל ניט זיין שמי הגדול מחולל בגוים[42].**

**און דאס איז די תפלה „קומה הוי׳ ויפוצו גו׳״: כדי עס זאל זיין „ויפוצו אויביך וינוסו משנאיך״ מוז זיין בגילוי דער פארבונד והתקשרות פון אידן בהקב״ה וואס קיין זאך בעולם קען עס ניט אפשוואכן, וואס מצד דעם (איז אין וואס פאר א מצב א איד זאל נאר זיין) איז „להחליפם באומה אחרת איני יכול״[43], ווייל דעמאלט שטייט בגלוי ווי שונאי ישראל זיינען „משנאיך״ (ווייל ישראל וקוב״ה כולא חד), ובמילא ווערט „ויפוצו אויביך וינוסו משנאיך״[44] —**

**און דאס ווערט אויפגעטאן דורך „קומה הוי׳״ — עס ווערט א „קימה״ ועלי׳ אין שם הוי׳[45] צו א מדריגה וואס איז העכער פון התהוות העולם, פון סדר השתלשלות, וואס דארטן איז „ואוהב את יעקב״[46] דוקא.**

**יא. כדי אבער עס זאל קומען די ישועה בפועל, אז עס זאל זיין „יפוצו אויביך וינוסו משנאיך״ ווי זיי זיינען דא למטה, ווערט דער „קומה הוי׳״ נמשך דא למטה ביז אין (העלם ה)עולם, אין וועלט.**

**און דאס איז דער סדר פון די דריי תוארים פון אויבערשטן הנ״ל:**

**אין חומש — דער עיקר פון תושב״כ — איז מאיר דער שרש[47] ורמז[48] פון יעדער זאך, און דערפאר שטייט „קומה הוי׳״ (וואס פון דארטן דוקא קומט „יפוצו אויביך גו׳״);**

**אין כתובים — וואו די ענינים פון תורה ווערן נמשך מער למטה[49] (אבער ס׳איז נאך אלץ א טייל פון תושב״כ) — שטייט „יקום אלקים״, אז דער „קומה הוי׳״ ווערט נמשך אין שם אלקים[50] (ובמילא ווערט „יקום אלקים״). וואס אע״פ אז אלקים איז א שם קדוש[51], איז עס אבער בלשון רבים[52] און עס איז א שרש ומקור אויף העלם[53] העולם[54];**

**און אין תושבע״פ — וואס דאס איז ווי תורה ווערט נמשך אין דער השגה פון מקבל — ווערט געניצט דער לשון „מי שאמר והי׳ העולם״: דא רעדט זיך שוין ווי מ׳געפינט זיך אין עולם מלשון העלם (ס׳איז נאר אז מ׳ווייס אז עס איז פאראן א „שאמר והי׳ העולם״, אבער עס איז**

---

41) תהלים קטו, א.

42) יחזקאל לו, כג. ועוד עד״ז.

43) רות רבה פתיחתא ג.

44) עפ״ז יש לבאר ע״ד הרמז הא שפ׳ ויהי בנסוע הוא ספר בפ״ע בלי שום מצוה (ראה כלי יקר כאן) — כי ענין זה הוא מצד התקשרות העצמית דבנ״י והקב״ה שלמעלה מתומ״צ.

45) ראה אוה״ת פרשתנו עה״פ (כרך ה׳ ע׳ א׳תקצא־ב).

46) מלאכי א, ב. וראה אוה״ת פרשתנו עה״פ (ע׳ שעג. שעז־ח).

47) כלי אומנתו של הבורא כי „ברא עלמא״ ע״י „אסתכל באורייתא״ (ב״ר בתחלתו. זח״ב קסא, א־ב).

48) דליכא מידי דלא רמיזא באורייתא (ראה זח״ג רכא, א).

49) כמובן ממחז״ל (תענית ט, א) מי איכא מידי דכתיבי בכתובי דלא רמיזי באורייתא. ולהעיר שדברי קבלה אין להם כ״כ תוקף כדברי תורה (ראה אנציקלופדי׳ תלמודית ע׳ דברי קבלה. וש״נ). ועוד.

50) להעיר ג״כ דדוד (נעים זמירות ישראל) הוא בחי׳ שם אלקים (אוה״ת שם ע׳ שעז — מעבוה״ק).

51) שבועות לה, סע״א.

52) רש״י וירא כ, יג. וישלח לה, ז.

53) בגימט׳ הטבע (פרדס שי״ב פ״ב. שער היחוה״א רפ״ו. ובשל״ה (פט, א) משמע קצת שכ״ה בזהר), מל׳ טבעו בארץ (שו״ת ח״צ סי״ח, הובא בלקו״ת ראה כב, ג).

54) ראה שער היחוה״א שם. ובכ״מ.

„מי שאמר — בלשון דהעלם ונסתר „מי״[55] — והי׳ העולם״).

**און דורך דעם וואָס אין דעם העלם העולם ווערט נמשך דער „קומה הוי׳״, ווערט אויפגעטאָן דער „יפוצו אויביך וינוסו משנאיך״** בפועל.

**און וויבאַלד מען דאַרף באַוואָרענען „אויביך״ און „משנאיך״ וואָס רירט אָן אין „שמך הגדול״, רעכנט זיך ניט דער אויבערשטער מיט קיין חשבונות (אפילו ניט מיט דעם חשבון אַז אידן דאַרפן דוקא פריער תשובה טאָן), און ברענגט** גלייך **אַראָפּ די גאולה האמיתית והשלימה ע״י משיח צדקנו, במהרה בימינו ממש.**

(משיחת ש״פ בהעלותך תשכ״ט)

---

55) ראה זח״א א, ב ואילך. לקו״ת במדבר יד, ד. ועוד.

# בהעלותך ג

א. אין רמב"ם הלכות יסודי התורה[1], וואו עס רעדט זיך וועגן ענין הנבואה[2] — „מיסודי הדת לידע שהא־ל מנבא את בני האדם" — זאָגט דער רמב"ם: ואין הנבואה חלה אלא על חכם גדול בחכמה גבור במדותיו ולא יהא יצרו מתגבר עליו בדבר בעולם אלא הוא מתגבר בדעתו על יצרו תמיד והוא בעל דעה רחבה נכונה עד מאד. און דערנאָך איז דער רמב"ם מפרט דעם סדר פון דעם נביא'ס הנהגה בפועל וכו'.

פרעגן מפרשים[3]: אין מס' נדרים[4] זאָגט ר' יוחנן „אין הקב"ה משרה שכינתו אלא על גבור ועשיר וחכם ועניו וכולן ממשה" (און ווי עס ווערט דאָרט אָפּגעלערנט פון פסוק יעדער פרט, ביז עניו — „דכתיב[5] והאיש משה עניו מאד"), וואָס פון דעם איז משמע (פון די פסוקי ראי') אז „גבור" און „עשיר" מיינט בפשטות (בגופו ובנכסים); אויך — פאַרוואָס דערמאָנט ניט דער רמב"ם „עשיר" (כפשוטו) און „עניו"?

דער כסף משנה איז מסביר, אַז דאָס וואָס דער רמב"ם זאָגט איז מצד „סברא דנפשי' קאמר ולא מהא דר' יונתן"[6]. און איז מסביר אַז דער טעם וואָס דער רמב"ם ברענגט ניט די פרטים הנ"ל, איז ווייל ר"י במאמרו (אין הקב"ה משרה שכינתו) רעדט וועגן השראת השכינה אין אַן אופן פון קביעות, ווי דער רא"ש איז מפרש בנדרים, און דערפאַר פאָדערן זיך די אַלע תנאים; אָבער שלא בקביעות „אפשר שיתנבא אע"פ שלא יהי' בו כל המדות הללו (פון ר"י — „גבור עשיר חכם ועניו") ורבינו לא נחת הכא לפרש אלא תנאי הנביא להתנבאות ואפילו שלא יהא בקביעות"[7].

דער תירוץ איז אָבער לכאורה ניט גלאַטיק, וואָרום

[נוסף ע"ז וואָס לפ"ז קומט אויס, אַז די מעלות גשמיות (גבור בגופו ועשיר כפשוטו) זיינען נוגע צו השראת השכינה בקביעות מער ווי די מעלות המדות „גבור במדותיו כו'"? — ולכאורה איז אדרבה: די רוחניות'דיקע מעלות דאַרפן זיין אַ גרעסערער גורם וסיבה צו השראת השכינה בקביעות ווי גבורה און עשירות בגשמיות איז — קשה]

פאַרוואָס זאָל דער רמב"ם ריידן נאָר וועגן השראת השכינה־הנבואה שלא בקביעות, און ניט וועגן (די תנאים וואָס זיינען נויטיק פאַר) השראת השכינה בקביעות? וואָס דאָס איז דאָך געווען מצב הנבואה פון משה ישעי' ירמי' וכו' — הנביאים המפורשים בתורה?

אויך איז לכאורה מערער נוגע צו מבאר זיין אַ מצב קבוע ווי מבאר צו זיין

1) ריש פרק ז — בהבא לקמן (בפנים) עייג"כ פיה"מ פ' חלק היסוד הו' והז'. ח"פ להרמב"ם פ"ז. מו"נ ח"ב פל"ב. ועוד.

2) להעיר שבפרשתנו מדובר לא רק בהחילוק דנבואת שאר הנביאים ונבואת משה (יב, ו ואילך), כ"א גם אודות ויתנבאו ולא יספו (יא, כה — וב' פירושים בזה) של הע' זקנים, והנאמר (ע"י משה) „ומי יתן כל עם ה' נביאים" (יא, כט).

3) ראה כס"מ ולח"מ, ועוד.

4) לח, א.

5) פרשתנו יב, ג.

6) כ"ה בכס"מ, ובדרשות הר"ן דרוש הה' בתחלתו. ובגמ' ובע"י לפנינו „ר' יוחנן" כנ"ל בפנים.

7) לשון הכס"מ שם.